קוּנְטְרֵס

# דָא לִיגְט דֵיין הַצְלָחָה

הֶערְלִיכֶע חִיזוּק
פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים
אוּן מְחַנְּכִים, צוּ קֶענֶען
מְחַנֵּךְ זַיין אוּנְזֶערֶע
קִינְדֶער עַל דֶּרֶךְ
יִשְׂרָאֵל סָבָא

שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ
שִׁיעוּר י"ג

שְׁנַת תשפ"ג


מצבת ציון רבינו איש האלקים
אור העולם רבי נחמן מברסלב זי"ע
בעיר אומן יצ"ו
הבטיח שכל מי שיבוא אל ציונו הקדוש ויאמר שם את התיקון הכללי
יוציאו מהשאול תחתית ויעשה לו טובה נצחית

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

קוּנְטְרֵס

# דָּא לִיגְט
# דַיין הַצְלָחָה

אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר וָואס

## דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְכִים, דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה
שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן. אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.
פוּל מִיט חִיזוּק אוּן עֵצוֹת פַאר מְלַמְּדִים, מְחַנְכִים אוּן עֶלְטֶערְן.

אִין דֶעם קוּנְטְרֵס וֶועט אִיר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף
גֶעפִינֶען אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוֹיף
דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, מִיט גֶעדוּלְד אוּן וַוארֶעמְקֵייט, זֵיי זָאלְן
אוֹיפְוַואקְסְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט מִדּוֹת טוֹבוֹת אוּן אַ
לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיינֶע מִצְוֹת.

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט
זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, וּכְתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן
דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.


אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - עִיר הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תובב"א
שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ, שְׁנַת תשפ"ג, שִׁיעוּר י"ג

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
### וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
### בארא פארק
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
### בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
### מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
### ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
### בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה
## היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# אִינְהַאלְט


מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ וָואס מֶען טוּט אוֹיף ........ ג

קִינְדֶער גֶעדֶענְקֶען יֶעדֶע דִיר וָואס זֵיי זֶעעֶן אוּן הֶערְן ........ ו

מֶען קֶען רַאטֶעוֶועןאַ קִינְד ........ ח

לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער אֵיינִיג ........ י

דָא לִיגְט דַיין הַצְלָחָה! ........ יא

דֶערְצֵיילְן פַּאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים ........ יד

בַּאלוֹינֶען דִי קִינְדֶער ........ טו

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ שׁוֹין מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים ........ טז

# דָא לִיגְט דַיין הַצְלָחָה

## מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ וָואס מֶען טוּט אוֹיף

אִיךְ ווִיל מְחַזֵק זַיין דִי מְלַמְדִים אוּן מְחַנְכִים פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד. ווִיפִיל חִיזוּק מֶען גֶעבְּט פַאר מְלַמְדִים דַארְף מֶען נָאךְ אוּן נָאךְ חִיזוּק.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מְחַנֵךְ דַארְף ווִיסְן אִיז אַז "קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין מַאשִׁינֶען".

וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט אָן אַ וַואשׁ מַאשִׁין עֶס זָאל גֵיין, פָּאלְגְט עֶס, עֶס אַרְבֶּעט פִּינְקְטְלִיךְ לוֹיט ווִי אַזוֹי מֶען הָאט עֶס אָנְגֶעשְׁטֶעלְט, אָבֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט קַיין מַלְאָכִים, וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער, קֶען מֶען נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן אַז וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעזָאגְט זָאל אוֹיף דִי רֶגַע גֶעשֶׁען.

אֵיי וֶועט אִיר פְרֶעגְן 'פַארְוָואס זָאל אִיךְ רֶעדְן, אוֹיבּ דִי קִינְדֶער הֶערְן סַיי ווִי נִישְׁט אוֹיס?' - דֶער

עֶנְטְפֶער אִיז, קִינְדֶער הֶערְן אוֹיס וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי, נָאר עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען הֵייבְּט אָן זֶען וִוי דִי וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין, מֶען קֶען נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן אַז אוֹיפְ'ן רֶגַע וֶועל אִיךְ זֶען וִוי מַיינֶע וֶוערְטֶער טוּעֶן אוֹיף.

אִיךְ וִויל בַּאמֶערְקְן, מֶען רֶעדְט נִישְׁט יֶעצְט פוּן עִנְיָנֵי 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', פוּן אַיינְפִּירְן אִין כִּתָּה אַז מֶען זָאל זִיצְן שְׁטִיל, אוּן וֶוען מֶען וִויל עֶפֶּעס פְרֶעגְן הֵייבְּט מֶען אוֹיף דִי הֶענְט, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין אָן רְשׁוּת, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט טְרִינְקֶען אִינְמִיטְן דִי צַייט וָואס מֶען לֶערְנְט וְכוּ' וְכוּ', יֶעדֶער מְלַמֵד אִיז בַּארֶעכְטִיגְט אָוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן אַ סֵדֶר וִוי אַזוֹי עֶס אִיז אִים בַּאקְוֶועם צוּ פִּירְן דִי כִּתָּה, - דָאס דַארְף מֶען קֶענֶען פּוֹעֵלְ'ן גְלַייךְ, וַוייל אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ - אִיז גָארְנִישְׁט דָא!

אִיךְ רֶעד יֶעצְט פוּן פּוֹעֵלְ'ן בַּיי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ פִּירְן מִיט גוּטֶע מִדוֹת אָדֶער אַנְדֶערֶע שֵׁיינֶע זַאכְן, אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט קַיין מַאשִׁינֶען, מֶען קֶען נִישְׁט גְלַייךְ זֶען וִוי עֶס פּוֹעֵלְ'ט.

לוֹיט דִי הַלָכָה שְׁטְרָאפְט מֶען נִישְׁט בַּיים בֵּית דִין שֶׁל מַטָה אַ אִינְגְל בִּיז דִי דְרַייצְן יָאר אוּן אַ מֵיידְל בִּיז דִי צְוֶועלְף יָאר, וַוייל עֶר אִיז נָאךְ אַ קָטָן, מֶען קֶען אִים נִישְׁט פְרֶעגְן: **"אִיךְ הָאבּ דִיךְ שׁוֹין טוֹיזְנְט מָאל גֶעזָאגְט אַז דִי לֶעדְל רִירְט מֶען נִישְׁט אָן, דוּ**

**הֶערְסְט נִישְׁט?!"** - וַוייל עֶר אִיז נָאךְ אַ קָטָן, צוּ קִינְדֶער דַארְף מֶען נָאכְאַמָאל רֶעדְן אוּן נָאכְאַמָאל רֶעדְן. אַזוֹי ווִי עֶלְטֶערְן טוּעֶן אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען זָאגְט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: **"טוּ אַזוֹי"**, אוּן: **"מֶען טוּט נִישְׁט אַזוֹי"**, אוּן צוּם סוֹף פּוֹעֶלְ'ט מֶען, דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען זִיךְ אוֹיס.

אִיר וֵוייסְט ווִיפִיל מָאל אִיךְ זָאג פַאר מַיינֶע קִינְדֶער: **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען!"**? - הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מָאל! רֶעכְנְט אוֹיס ווִיפִיל תְּפִילוֹת זֵיי דַאוֶוענֶען גֶעבְּן מִיר יֶעדְן שַׁבָּת פוּן דִי דְרֵיי יָאר בִּיז צוּ דִי חֲתוּנָה; יֶעדְן שַׁבָּת אִיז עֶס סֵיי פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אוּן סֵיי שַׁבָּת צוּפְרִי, אוּן אִין אַ יָאר אִיז דָא פוּפְצִיג שַׁבָּתִים, אִיז שׁוֹין הוּנְדֶערְט תְּפִילוֹת אַ יָאר, אוּן בַּיי יֶעדֶע דַאוֶוענֶען זָאג אִיךְ אַפָּאר מָאל פַאר יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער: **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען"**, **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען"**.

צוּם סוֹף טוּט עֶס אוֹיף, אִיךְ קוּק צוּ פוּן דִי זַייט אוֹיף מַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער, אִיךְ זֶע אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵיי רֶעדְן שׁוֹין נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען, זֵיי דַאוֶוענֶען שׁוֹין מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען מְלַמְדִים ווִילְן עֶפֶּעס פּוֹעֶלְ'ן בַּיי קִינְדֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ וַואשְׁן דִי הֶענְט פַארְ'ן

עֶסְן בְּרוֹיט, און אַז מֶען זָאל אָנְכַאפְּן דִי בְּרוֹיט בִּשְׁעַת מֶען מַאכְט דִי בְּרָכָה מִיט אַלֶע צֶען פִינְגֶער, און מֶען זָאל אַרוֹיס זָאגְן קְלָאר דִי ווערְטֶער ווען מֶען בֶּענְטְשְׁט, און אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַרוֹיס קוּקְן בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, און גוּטֶע מִידוֹת, ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ אַ חַבֶר, און צוּ רֶעדְן אֵיידְל, - דַארְף מֶען דָאס אִיבֶּער זָאגְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל.

אוֹיב מֶען רֶעדְט מִיט לִיבְּשַׁאפְט, דָאס הֵייסְט, אִיךְ הָאבּ לִיבּ דָאס קִינְד אַפִילוּ עֶר אִיז אַ שְׁוֶוער קִינְד, אִיךְ הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיפְ'ן קִינְד, אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר כְּאִילוּ דָאס אִיז מַיין קִינְד, אִיךְ גֵיי זִיךְ אוּם מִיט אִים ווִי אַזוֹי אִיךְ ווָאלְט זִיךְ אוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט אַן אֵייגְן קִינְד, גֵייעֶן דִי ווערְטֶער אַרַיין.

## קִינְדֶער גֶעדֶענְקֶען יֶעדֶע רִיר ווָאס זֵיי זֶעעֶן און הֶערְן

בִּשְׁעַת אַ מְלַמֵד לֶערְנְט פָאר קֶען זִיךְ אִים דַאכְטְן 'ווער הֶערְט מִיךְ אוֹיס?' דֶער קַאטְשְׁקֶעט אוֹיף אַ פַּאפִּיר, דֶער בְּלִינְקְט מִיט דִי אוֹיגְן צוּ אַ צְוֵוייטְן, דֶער מַאכְט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַאקְסְן, דֶער לֵייגְט אַרָאפּ זַיין קָאפּ, און דֶער צִיט זִיךְ אוֹיס אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען כְּאִילוּ עֶר ווָאלְט יֶעצְט גֶעווֶען אַלֵיינְס אִין כִּתָּה... עֶס זֶעט מַמָשׁ אוֹיס ווִי דִי ווערְטֶער גֵייעֶן אַרוֹיף צוּ דִי לוּפְט, - דָאס אִיז אַ זַאךְ ווָאס אַלֶע שְׁפִּירְן, אִיךְ דַארְף אוֹיךְ חִיזוּק אוֹיף דֶעם, יֶעדְן טָאג לֶערְן אִיךְ פָאר פַאר דִי בָחוּרִים גְמָרָא און אַ

שִׁיעוּר הִתְחַזְקוּת, אַסאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ אַז 'אֶפְשָׁר דִי לֶעקְטֶער הֶערְט מִיךְ אוֹיס'... אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז וָואס מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער גֵייט אַרַיין אִין זֵייעֶרע הֶערְצֶער.

קִינְדֶער גֶעדֶענְקֶען יֶעדֶע רִיר וָואס זֵיי זֶעעֶן אוּן הֶערְן אִין כִּתָּה, אַפִילוּ עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס אַזוֹי. יָארְן אַרוּם וֶועלְן דִי קִינְדֶער נָאךְ גֶעדֶענְקֶען וואוּ זֵיי זֶענֶען גֶעזִיצְן, וֶועלְכֶע קָאלִיר פֶּענְסִיל קֶעיס (בְּלֵייעֶן הַאלְטֶער) עֶר הָאט גֶעהַאט, אוּן אִין שׁוּלֶע גֶעדֶענְקֶען דִי קִינְדֶער אַפִילוּ וֶועלְכֶע קְלֵייד דִי לֶערֶערִין הָאט אָנְגֶעהַאט, אוּן זִיכֶער וֶועלְן זֵיי גֶעדֶענְקֶען דִי אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס דֶער מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין הָאט גֶעגֶעבְּן.

דִי פָּאר יָאר גֵייט אַרִיבֶּער, בַּאלְד וֶועט אַ אִינְגֶערְמַאן צוּקוּמֶען צוּ דִיר אוּן זָאגְן: **"אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ הָאבּ פַאר צֶען יָאר צוּרִיק גֶעלֶערְנְט בַּיי דֶער רֶבִּי, אִיר הָאט גֶעהַאט סַבְלָנוּת צוּ מִיר, אִיךְ וִויל אַייךְ זָאגְן, אַייעֶרע שִׁיעוּרִים זֶענֶען מִיר אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, זַייט דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן יֶענֶע שִׁיעוּר וֶועגְן 'כִּיבּוּד אָב וָאֵם' בִּין אִיךְ מְכַבֵּד מַיין טַאטֶע מַאמֶע, אִיךְ עֶנְטְפֶער מֶער נִישְׁט צוּרִיק מִיט חֻצְפָּה", "זַייט דֶעמָאלְט לֵיין אִיךְ קְרִיאַת שְׁמַע", "זַייט דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ מַקְפִּיד זִיךְ אָפְּצוּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער", "אִיךְ פְלֶעג גַנְבְ'עֶנֶען שְׁטִילֶערְהֵייט פוּן לֶעדְלֶעךְ פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים אוּן זַייט אִיר הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מָשָׁל וֶועגְן גַנְבְ'עֶנֶען, גַנְבְ'עֶ אִיךְ מֶער נִישְׁט".**

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי דִי פְרוֹיעֶן; וַוייבְּלֶעךְ טְרֶעפְן זֵייעֶרֶע לֶערֶערִינְס בַּיי שִׂמְחוֹת אָדֶער אִין גֶעשֶׁעפְטְן זַיי גֵייעֶן צוּ אוּן זָאגְן: **"אִיךְ גֶעדֶענְק אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיר הָאט דֶערְצֵיילְט וֶועגְן זַיין אֵיידְל, מִן הַסְתָם גֶעדֶענְקְט אִיר שׁוֹין נִישְׁט דִי מַעֲשֶׂה, אָבֶּער מִיר הָאט עֶס זֵייעֶר גֶעכַאפְּט, אוּן זַייט דֶעמָאלְט גֶעבּ אִיךְ אַכְטוּנְג זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן אֵיידְל, אִיךְ גֶעבּ אַכְטוּנְג וִוי אַזוֹי אִיךְ גֵיי אַרָאפּ פוּן בֶּעט, אַפִילוּ וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיינְס אִינְדֶערְהֵיים, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא".**

אוֹי פִילְט זִיךְ גוּט וֶוען מֶען הֶערְט דָאס! דֶעמָאלְט וֶועט אִיר טְרַאכְטְן: 'אַ שָׁאד אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַלֶע יָארְן'.

מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ קַיין פֵּירוֹת, אָבֶּער יֶעדֶעס וָוארְט גֵייט אַרַיין.

## מֶען קֶען רַאטֶעוֶוען אַ קִינְד

טַייעֶרֶע מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס! לֵייגְט אַרַיין הַארְץ אוּן לִיבְשַׁאפְט אִין דִי קִינְדֶער.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס טוּט אוֹיף וֶוען מֶען זָאגְט אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ קִינְד, אִיר קֶענְט נִישְׁט וִויסְן וָואס טוּט זִיךְ אִין אַ קָאפּ פוּן אַ קִינְד עֶס קֶען זַיין אַז מִיט אַ פָּשׁוּט'עֶ שְׁמֵייכְל,

מִיט אַ גוּט מָארְגְן, מִיט אַ קָאמְפְּלִימֶענְט, רַאטֶעוֶועט מֶען דֶעם קִינְד!

וֶוען אִיךְ רֶעד פוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן פַאלְשֶׁע גֶעמַאכְטֶע קָאמְפְּלִימֶענְט׳ס, אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט גֶעבְּן קַיין עֶכְטֶע קָאמְפְּלִימֶענְט׳ס - עֶנְדֶערְשׁ גֶעבּ נִישְׁט. פַאלְשֶׁע וֶוערְטֶער הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם. מֶען קֶען עֶס נִישְׁט אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען, עֶס בְּלַייבְּט שְׁטֶעקְן אִין הַאלְז!

אַ קִינְד הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט יָארְן צוּרִיק, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אָנְגֶעפִילְטֶער קִינְד, אֵיינֶער פוּן זַיינֶע מְלַמְדִים הָאט אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: **"וַואוּו, דוּ בִּיסְט אָפְּגֶעפַאלְן! דוּ זֶעסְט אוֹיס אַזוֹי אוֹיסְגֶעדַארְט!"** דָאס קִינְד הָאט עֶס זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיפְגֶענוּמֶען, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּ מִיר: **"וָואס ווִיל מַיין מְלַמֵד פוּן מִיר?! עֶר ווִיל סְתָּם חוֹזֶק מַאכְן פוּן מִיר? אִיךְ וֵוייס סֵיי ווִי אַז עֶר מֵיינְט עֶס נִישְׁט אֶמֶת׳דִיג"**.

עֶס אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ זָאגְן פַאר אַ קִינְד: **"וֶוען אִיךְ וֶועל טְרֶעפְן דַיין טַאטֶע וֶועל אִיךְ אִים גֶעבְּן אַ גוּטֶע גְרוּס אוֹיף דִיר"**, קִינְדֶער הָאבְּן דָאס לִיבּ צוּ הֶערְן. אוּן בֶּאֱמֶת קֶען מֶען מִיט אֵיין גוּטֶע גְרוּס טוֹישְׁן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּב.

אַסַאךְ מָאל גֶעשֶׁעט אַז עֶלְטֶערְן קֶענֶען נִישְׁט לַיידְן אַ קִינְד, וַוייל זֵיי טְרַאכְטְן אַז דֶער קִינְד אִיז נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען וְכַדוֹמֶה, אוּן אַסַאךְ מָאל גֶעשֶׁעט אוֹיךְ אַז אַ

קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט לַיידְן זֵייעֶרע עֶלְטֶערְן, וַוייל זֵיי טְרַאכְטְן: 'אִיךְ הָאבּ נֶעבֶּעכְדִיגֶע עֶלְטֶערְן', אָבֶּער אַז מֶען זָאגְט פַארְ'ן קִינְד: **"דוּ הָאסְט זֵייעֶר ווּאוּילֶע עֶלְטֶערְן"**, **"זֵיי זֶענֶען אֶמֶתְ'דִיגֶע פֵיינֶע מֶענְטְשְׁן"**, אוּן פַארְ'ן טַאטֶע'ן זָאגְט מֶען: **"דַיין קִינְד אִיז סְפֶּעצִיעֶל גוּט"**, הֵייבְּן בֵּיידֶע אָן צוּ הַאלְטְן אֵיינֶער פוּנֶעם אַנְדֶערְן, אוּן בֵּיידֶע הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, דֶער קִינְד הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן: 'אָה, אִיךְ הָאבּ יָא פֵיינֶע עֶלְטֶערְן!' אוּן דִי עֶלְטֶערְן טְרַאכְטְן: 'אָה, אִיךְ הָאבּ יָא אַ פֵיינֶער אִינְגְל'.

## לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער אֵיינִיג

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַ גוּטֶע גְרוּס אוֹיף אַ מְלַמֵד. אֵיינֶער פוּן דִי מְנַהֲלִים פוּן דִי מוֹסָד רוּפְט מִיר אָן, עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר אִיז זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אַ מְלַמֵד, עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז דֶער מְלַמֵד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים מַמָשׁ מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן בֶּעטְן הִילְף אַז עֶס אִים שְׁוֶוער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין אִין כִּתָּה, וַוייל עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן אֵיין קִינְד, עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט דֶעם קִינְד וַוייל עֶר הָאט אִים נָאכְנִישְׁט לִיבּ.

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע גְרוּס צוּ הֶערְן וִוי שְׁטַארְק דִי מְלַמְדִים זֶענֶען פָארְזִיכְטִיג נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן קִינְדֶער, וַוייל קִינְדֶער שְׁפִּירְן אוֹיבּ דֶער מְלַמֵד הָאט אִים לִיבּ אָדֶער נִישְׁט.

וְוען קִינְדֶער גְרִיסְן דֶעם מְלַמֵד: **"גוּט מָארְגְן"**, אוֹיבּ הָאט מֶען לִיבּ דָאס קִינְד, גְרִיסְט מֶען אִים צוּרִיק מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוֹיבּ וֶוערְט מֶען נֶערְוֶועז פוּנֶעם קִינְד, גְרִיסְט מֶען אִים צוּרִיק אָן קַיין שְׁמֵייכְל, בְּלֵית בְּרֵירָה. אָדֶער וְוען קִינְדֶער פְרֶעגְן אַ קַשְׁיָא אִין חֵדֶר פוּנֶעם מְלַמֵד, אַ קִינְד וָואס מֶען הָאט לִיבּ, עֶנְטְפֶערְט מֶען צוּרִיק מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אַ קִינְד וָואס מֶען וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן אִים, עֶנְטְפֶערְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וועג, מֶען עֶנְטְפֶערְט טְרִיקְן: **"יָא"**, **"ניין"**, **"גיי"**, **"מֶען רֶעדְט נִישְׁט יֶעצְט!"** - דִי אַלֶע זַאכְן כאפְּט אַ קִינְד אוֹיף, עֶר פִילְט עֶס, דָאס קִינְד וֵוייסְט: 'אִיךְ בַּאקוּם נִישְׁט קַיין שְׁמֵייכְל פוּן מַיין רֶבִּי, מַיין רֶבִּי הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ, מַיין רֶבִּי דַארְף מִיךְ נִישְׁט'.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן אַז מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער אֵיינִיג? - מִיט הִתְבּוֹדְדוּת! אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים, אַפִילוּ דֶער קִינְד וָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער, אַזוֹי אוּמְבַּא'טַעֲמְ'ט און אוּמְבַּא'חֵנְ'ט"**.

## דָא לִיגְט דַיין הַצְלָחָה!

אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אַ מְלַמֵד: 'אִיךְ הָאבּ אַ גַאנְצֶע כִּתָּה אוֹיסְגֶע'שׁוּרָה'ט ווִי אַ ח', יֶעדֶער אֵיינֶער הַאלְט מִיט, אוֹיסֶער אֵיין קִינְד, דֶער קִינְד אִיז יֶעדְן טָאג

פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע קַשְׁיוֹת, שְׁטוּתִים אוּן בֶּעבִּי״שֶׁע זַאכְן, הַלְוַאי זָאל דֶער קִינְד מֶער נִישְׁט קוּמֶען דִי גַאנְצֶע יָאר אִין חֵדֶר'...

זָאלְט אִיר וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דָאס סְפֶּעצִיעֶל, יֶעדֶעס יָאר אִיז דָא כָאטְשִׁיג אֵיין תַּלְמִיד מִיט וֶועם מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ, אוּן דֶער מְלַמֵד וֵוייסְט נִישְׁט אַז בַּיי דֶעם קִינְד לִיגְט זַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה!

וֶוען אַלֶעס גֵייט גְרִינְג אִיז עֶס דָאךְ נִישְׁט קַיין חָכְמָה; דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם מְלַמֵד אִיז צוּ נִיצְן זַיין שֵׂכֶל, וֶועגְן אוּן מֶעסְטְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעאַגִירְן צוּ אַלֶע סָארְט קִינְדֶער.

וֶוען אַ קִינְד פְרֶעגְט אַ נַארִישֶׁע קַשְׁיָא, דַארְף דֶער מְלַמֵד זַיין גֶענוּג קְלוּג צוּ כַאפְּן וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט אִים, אוֹיבּ עֶר וִויל סְתַּם שְׁטֶערְן דִי כִּתָּה - דַארְף מֶען אִים הֵייסְן אַרָאפּ לֵייגְן זַיין הַאנְט, אוֹיבּ אִיז עֶר אַ נַארִישׁ קִינְד וָואס וֵוייסְט נִישְׁט אַז מֶען קֶען נִישְׁט פְרֶעגְן אַזֶעלְכֶע סָארְט קַשְׁיוֹת, וֶוענְדְט זִיךְ צִי דִי כִּתָּה גֵייט לַאכְן פוּן אִים, אוֹיבּ יָא - דַארְף מֶען עֶס פַארְוִוישְׁן אוּן פַארְוַואסֶערְן, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט, אוֹיבּ גֵייט עֶר נִישְׁט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט - זָאל מֶען אִים עֶנְטְפֶערְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס גֶעדוּלְד, מִיט הִלֵל'ס גֶעדוּלְד.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת לא.), צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט צְווִישְׁן זִיךְ, וֶועם עֶס

וֶועט גֶעלוּנְגֶען אוֹיפְצוּרֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא הִלֵל הַזָּקֵן וֶועט דֶער צְוֵוייטֶער אִים דַארְפְן גֶעבְּן פִיר הוּנְדֶערְט זוּז. עֶס אִיז גֶעוֶוען עֶרֶב שַׁבָּת, הִלֵל הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן זִיךְ אַרוּמְוַואשְׁן לְכָבוֹד שַׁבָּת, אִיז אֵיינֶער פוּן זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ הִלֵל'ס הוֹיז אוּן גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְ'ן טִיר, הִלֵל הָאט זִיךְ צוּגֶעדֶעקְט, אוּן אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן: "**וָואס ווִילְסְטוּ?**" זָאגְט עֶר: "**אִיךְ ווִיל דִיר פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה, פַארְוָואס דִי מֶענְטְשְׁן פוּן בָּבֶל הָאבְּן רִינְדֶעכִיגֶע קֶעפּ?**" הָאט הִלֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט גֶעדוּלְד: "**דוּ פְרֶעגְסְט זֵייעֶר אַ גוּטֶע שְׁאֵלָה, דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, דָאס גֶעשֶׁעט בִּשְׁעַת זֵיי וֶוערְן גֶעבּוֹירְן, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גוּטֶע הֵייבַּאמְס (מְיַלֶדֶת)**", אַ שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער קוּמְט עֶר נָאכְאַמָאל צוּרִיק אוּן פְרֶעגְט: "**פַארְוָואס הָאבְּן דִי טְשֵׁיינִיזֶע מֶענְטְשְׁן פְלַאכֶע אוֹיגְן?**" הָאט הִלֵל אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט גֶעדוּלְד: "**וַוייל זֵיי וואוֹינֶען צְווִישְׁן זַאמְד, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט זֵיי זָאלְן הָאבְּן פְלַאכֶע אוֹיגְן כְּדֵי דִי זַאמְד זָאל נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין דִי אוֹיגְן**", עֶס גֵייט אַרִיבֶּער נָאךְ אַ שָׁעָה, קוּמְט עֶר נָאכְאַמָאל צוּרִיק אוּן פְרֶעגְט פוּן הִלֵל: "**פַארְוָואס הָאבְּן דִי אַפְרִיקַאנֶע מֶענְטְשְׁן פְלַאכֶע פִיס?**" הָאט אִים הִלֵל ווִידֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט גֶעדוּלְד: "**וַוייל דִי עֶרְד אִין אַפְרִיקֶע אִיז זֵייעֶר נַאס, עֶס אִיז פוּל מִיט בְּלָאטֶע, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער סְפֶּעצִיֶעל גֶעמַאכְט זֵיי זָאלְן הָאבְּן בְּרֵייטֶע פִיס כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַיינְזִינְקֶען אִין דִי בְּלָאטֶע**".

עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן אַז עֶר הָאט עֶטְלִיכֶע מָאל פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּרֶעגְן הִלֵל אוּן הִלֵל הָאט אִים יֶעדֶעס מָאל גֶעעֶנְטְפֶערְט אָן זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן[א], הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט הִלֵל: **"דוּ בִּיסְט הִלֵל?! וֶועגְן דִיר הָאבּ אִיךְ פַארְלוֹירְן פִיר הוּנְדֶערְט זוּז!"**

מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן: 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ דֶעם קִינְד, הַלְוַאי זָאל עֶר צוּרִיק אַהֵיים גֵיין', טְרַאכְטְס אַרַיין: 'וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען דָאס וָואלְט גֶעוֶוען מַיין קִינְד? וֶוען מַיין קִינְד וָואלְט גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוער קִינְד, וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט סַבְלָנוּת צוּ אִים, אִיךְ וָואלְט גֶערֶעדְט צוּ אִים נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל'.

## דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים

עֶס אִיז כְּדַאי אַז דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס זָאלְן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים צוּ

---

א] עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ בַּאמֶערְקְן; אֵיינְמָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין צִימֶער וֶוען מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון. וַוייזְט מִיר מוֹהֲרָא"ש אַ בְּרִיוו וואוּ אֵיינֶער פְרֶעגְט אָן אַזַא פְרַאגֶע: "מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן טְרֶעטְן פוּן אַנְדֶערֶע, אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל סְתָּם פַארְדְרֵייעֶן אַ קָאפּ, עֶר זוּכְט צוּ שְׁטֶערְן אוּן וואוּ עֶר קֶען אוֹיפְרֶעגְן, זָאל מֶען זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן פוּן אִים אוּן אַוֶועק שִׁיקְן, אוּן דָא זֶעט מֶען אַז הִלֵל הַזָקֵן הָאט נִישְׁט אַוֶועק גֶעשִׁיקְט, עֶר הָאט יָא גֶעעֶנְטְפֶערְט?" מוֹהֲרָא"ש הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵיידְט צוּ מִיר אוּן גֶעזָאגְט: "עֶר פְרֶעגְט גוּט! עֶר פְרֶעגְט גוּט!" מוֹהֲרָא"ש אִיז אַרַיין אִין אַ גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס אַז עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס אוּן וֶוען, מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל וִויסְן וֶוען יָא צוּ עֶנְטְפֶערְן אוּן וֶוען נִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן. מוֹהֲרָא"ש הָאט יֶענֶעם צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן, דֶער בְּרִיוו אִיז גֶעדְרוּקְט אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב, חֵלֶק י', מִכְתָּב אֶלֶף קעג.

דֶערְצֵיילְן פַּאר דִי קִינְדֶער, אוּן נָאכְ׳ן דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דֶערְפוּן אַ מוּסָר הַשְׂכֵּל וָואס דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען דֶערְפוּן.

אוֹיפְ׳ן מִינוּט זֶעט מֶען נִישְׁט גְלַייךְ וִוי עֶפֶּעס טוֹישְׁט זִיךְ דוּרְךְ דִי מַעֲשֶׂה, מֶען דַארְף אָבֶער גְלֵייבְּן אַז ׳מַיינֶע וָוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶערְ׳ס הֶערְצֶער׳.

מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז אַ טַאטֶע דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן ׳מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים׳ צוּ קֶענֶען דֶערְצֵיילְן בַּיי דִי שַׁבָּתְ׳דִיגֶע סְעוּדוֹת. מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זִיךְ אוֹיסְדְרוּקְן: **״הַיינְטִיגֶע צֵייטְן אִיז דָא אַסַאךְ מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ פוּן צַדִיקִים״** - אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר, וָואס זָאלְן מִיר הַיינְט זָאגְן...? יֶעדְן טָאג קוּמֶען אַרוֹיס אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ פוּן צַדִיקִים, מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי גְמָרָא, פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׂא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

## בַּאלוֹינֶען דִי קִינְדֶער

עֶס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ צוּ בַּאלוֹינֶען דִי קִינְדֶער מִיט אַ גוּטֶע נַאשׁ, אָדֶער קֶען מֶען מַאכְן אַ פְּרָאגְרַאם מִיט שְׁטֶערְנְ׳ס (סְטַארְס), פּוֹינְטְס אוּן טִיקֶעטְס. וֶוען עֶס אִיז דָא אַ גוּטֶע וֶועטֶער קֶען מֶען זַיי אַרוֹיס

נֶעמֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר צוּם פַּארְק, אוּן אוֹיפִ'ן וֶועג ווַייזְט מֶען זֵיי דִי נִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא, דִי שֵׁיינֶע בֵּיימֶער אוּן פְרִישֶׁע בְלֶעטֶער וָואס וַואקְסְט.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אוֹיבּ מֶען ווִיל אַרוֹיס גֵיין, דַארְף מֶען עֶס דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן מְנַהֵל, מֶען קֶען נִישְׁט יֶעדְן טָאג גֵיין אִין פַּארְק פוּן צוּפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט... אוּן אוֹיךְ קֶען מֶען גֵיין נָאר אוֹיבּ מֶען אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען מִיט דִי לִימוּדִים ווִיפִיל מֶען דַארְף לֶערְנֶען.

## אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ שׁוֹין מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים

אִיךְ דַארְף שׁוֹין גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן מִיט אַ שֵׁיינֶע חִיזוּק. נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי אַ חֲתוּנָה, אִיז אֵיינֶער צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן בָּאכְגֶעזָאגְט אַ שֵׁיינֶע חִיזוּק פוּנֶעם יְרוּשָׁלַיִמ'עֶר רָב, רֶבִּי יוֹסֵף צְבִי דוּשִׁינְסְקִיא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יט:): **"כָּל הַמְלַמֵּד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה כְּאִילוּ יְלָדוֹ"**, וֶוער עֶס לֶערְנְט מִיט תַּלְמִידִים אִיז דָאס אַזוֹי ווִי זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער. מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דֶער פְּשַׁט אִיז, זָאגְט עֶר מִיר אַ שֵׁיינֶע נַייֶע פְּשַׁט, אַסַאךְ מָאל שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ אִין הִימְל אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל לַיידְן פוּן זַיינֶע קִינְדֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, אוֹיבּ דוּ לֶערְנְסְט מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אוּן דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ מִיט

זַיי, וֶוערְן זֵיי פַארְרֶעכְנְט אַזוֹי וִוי דַייְנֶע קִינְדֶער אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן מוּטְשֶׁען מִיט דַייְנֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער!

פַאר מִיר אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע חִיזוּק, ווַייל קֵיינֶער ווִיל זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען מִיט אַ קִינְד, קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט דִי קִינְדֶער זָאלְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי אִידִישֶׁע וֶועג; דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וִויפִיל מַעֲשִׂיּוֹת מֶען הֶערְט לֵיידֶער פוּן קִינְדֶער וָואס פַאלְן אַוֶועק. דֶערְפַאר אַז עֶס אִיז אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אִיךְ זָאל זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מוּטְשֶׁען מִיט אֵיינֶע פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, מוּטְשֶׁע אִיךְ זִיךְ שׁוֹין מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען אַזוֹי וִוי מַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן מוּטְשֶׁען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ, אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אָמֵן.

# הספר הקדוש
# הזה נדפס

לזכות

# מרדכי יהודה בן
# שיינדל

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבו לטובה,
ויתברך מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ולזיווג הגון
בקרוב ולהצלחה בכל העניינים, אמן כן יהי רצון

מצבת ציון הקדוש

## כ״ק מרן מוהרא״ש זי״ע

ביבנאל עיר ברסלב



## הבטחת מוהרא״ש:

״אני מבטיח שכל בחור רווק, וכל בחורה רווקה, שיבואו כאן לקברי, ויגמרו את כל ספר תהלים מהתחלה עד גמירה לזכותי, אזי אשתדל בכל מה שרק אוכל שימצאו את זיווגם, וזה הבטחה חזקה ממני:״

"אוֹיבּ מֶען רֶעדְט מִיט לִיבְּשַׁאפְט, דָאס הֵייסְט, אִיךְ הָאבּ לִיבּ דָאס קִינְד אַפִילוּ עֶר אִיז אַ שְׁוֶוער קִינְד, אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיפְ'ן קִינְד, אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר כְּאִילוּ דָאס אִיז מַיין קִינְד, אִיךְ גֵיי זִיךְ אוּם מִיט אִים וִוי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט זִיךְ אוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט אַן אֵייגְן קִינְד, גֵייעֶן דִי וֶוערְטֶער אַרַיין".

■■■

"אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס טוּט אוֹיף וֶוען מֶען זָאגְט פַאר אַ קִינְד אַ גוּט וָוארְט, אִיר קֶענְט נִישְׁט וִויסְן וָואס טוּט זִיךְ אִין אַ קָאפּ פוּן אַ קִינְד עֶס קֶען זַיין אַז מִיט אַ פָּשׁוּטְ'עֶ שְׁמֵייכְל, מִיט אַ גוּט מָארְגְן, מִיט אַ קָאמְפְּלִימֶענְט, רַאטֶעוֶועט מֶען דֶעם קִינְד!"

■■■

"עֶס אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ זָאגְן פַאר אַ קִינְד: **"וֶוען אִיךְ וֶועל טְרֶעפְן דַיין טַאטֶע וֶועל אִיךְ אִים גֶעבְּן אַ גוּטֶע גְרוּס אוֹיף דִיר"**, קִינְדֶער הָאבְּן דָאס לִיבּ צוּ הֶערְן. אוּן בֶּאֱמֶת קֶען מֶען מִיט אֵיין גוּטֶע גְרוּס טוֹישְׁן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ".

■■■

קרן הדפסה
היכל הקודש